**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 06/27/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנאר האקול געבט ארויס פראקלאמאציע דערקלערנדיג יוני 27 אלס פאוסט-טראומאטיק סטרעס דיסארדער סקרינינג טאג

***לייענט פראקלאמאציע [דא](#)***

גאווערנאר קעטי האקול האט היינט ארויסגעגעבן א [פראקלאמאציע](#)דערקלערנדיג יוני 27 פאוסט-טראומאטיק סטרעס דיסארדער (Post-Traumatic Stress Disorder, PTSD) סקרינינג טאג, אלס טייל פון די נאציאנאלע פאוסט-טראומאטיק סטרעס דיסארדער וואכזאמקייט מאנאט, צו אונטערשטרייכן די וויכטיגקייט פון גיך און מוטיגן מענטשן, ספעציעל וועטעראנען, דורכצוגיין סקרינינגס. פאוסט-טראומאטיק סטרעס דיסארדער קען אפעקטירן יעדן וואס איז דורכגעגאנגען אדער צוגעזען טראומאטישע זאכן, אזוי ווי קאמפן, דיזעסטערס, עקסידענטן, וואונדן, אדער אטאקעס. פיל וועטעראנען פון אונזער לאנד'ס ארמיי גייען דורך פאוסט-טראומאטיק סטרעס דיסארדער נאכן דורכגיין מיליטעריש-פארבינדענע טראומא, ארייננגערעכנט פיזישע, גייסטישע און פסיכאלאגישע וואונדן וואס שטאמען פון זייערע ערפארונגען.

"מיר אנערקענען אז PTSD קען האבן א טיפע ווירקונג אויף א מענטש'ס לעבן און גלייבן אין די באדייטנדקייט פון עס פרי טרעפן און ארבעטן דערויף," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן נעמען די איניציאטיוו צו ווערן גע'סקרינ'ט, קענען מיר טרעפן די צייכנס פון PTSD פרי און פארזיכערן אז די וואס זענען דורכגעגאנגען טראומא קענען באקומען די שטיצע וואס זיי דארפן. עס איז גאר וויכטיג צו פריאריטיזירן אונזער גייסטישע געזונטהייט און דורכברעכן די גרעניצן פון סטיגמא, ווייל היילונג הויבט זיך אן מיט וואכזאמקייט."

כדי צו ערמעגליכן זעלבסט-אפשאצונג, קענען מענטשן נוצן די נאציאנאלע צענטער פאר PTSD [זעלבסט-סקרינינג געצייג](#), א קורצע אויספרעג וואס באשטייט פון פינף פראגעס. דורך ענטפערן די פראגעס אויפריכטיג, קען מען ווערן אויפגעקלערט וועגן די מעגליכע אנוועזנהייט פון PTSD און איר ווירקונג אויפן וואוילזיין. א צייכן פון דריי אדער מער פאזיטיווע ענטפערס קענען אנדייטן א געברויך פאר ווייטערדיגע אָפּשאַצונג דורך העלטקעיר פראפעסיאנאלן.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס וויוויאנא דעקאהאן האט געזאגט,** "PTSD סקרינינג טאג דינט אלס וויכטיגע דערמאנונג אז גייסטישע געזונטהייט זאל באקומען אונזער העכסטע אויפמערקזאמקייט און שטיצע, אן קיין סטיגמא. מיר מוטיגן וועטעראנען און אלע מענטשן וואס זענען דורכגעגאנגען טראומא צו אויסנוצן די געלעגנהייט פאר זעלבסט-ארייננטראכטן און זוכן די נויטיגע שטיצע."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער דר. ען מארי סאָליוון האט געזאגט,** "פאוסט-טראומאטיק סטרעס דיסארדער אפעקטירט אומגעפער זיבן פראצענט פון מענטשן ביי עפעס א

פונקט אין זייער לעבן און ווערט אפט נישט אנערקענט און נישט באהאנדלט.פאוסט-טראומאטיק סטרעס דיסארדער סקרינינג טאג איז א געלעגנהייט צו אויפטרייבן וואכזאמקייט וועגן PTSD און מוטיגן אלע פריינט און פאמיליע מיטגלידער וואס קענען האבן סימפטאמען פון PTSD צו רעדן צו זייער דאקטער וועגן ווערן גע'סקרינ'ט."

גאווערנאר האקול האט געמאכט גייסטישע געזונטהייט א פריאריטעט פאר איר אדמיניסטראציע, האבנדיג לעצטנס פארזיכערט דאס דורכגיין פון א פארצווייגטע 1 ביליאן דאלערדיגע מולטי יאר פלאן וואס וועט הייבן צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט און דראמאטיש פארמינערן דעם צאל ניו יארקער מיט אומבאהאנדלטע גייסטישע געזונטהייט געברויכן. די היסטארישע אינוועסטירונג אין גייסטישע געזונטהייט וועט פארברייטערן אינפעישאנט און אוטפעישאנט סערוויסעס, אריינגערעכנט טראומא-אינפארמירטע פראגראמען וועלכע זענען ספעציעל אפעקטיוו ביים העלפן און באהאנדלען מענטשן וועלכע זענען באטראפן פון PTSD.

גאווערנאר האקול האט אויך דירעקטירט מיליאנען דאלארן צו שטיצן די גייסטישע געזונטהייט פון ניו יארק'ס וועטעראנען, צושטעלנדיג 7.7 מיליאן דאלער צו פארברייטערן די דזשאסעף פ. דווייער חבר-צו-חבר וועטעראנ'ס שטיצע פראגראם סטעיטווייד צו פארזיכערן אז יעדער וועטעראן אין ניו יארק האט צוטריט צו די קריטישע חבר שטיצע און ריסאורסעס וואס דער פראגראם שטעלט צו. די דווייער פראגראם שטעלט צו א נישט-קלינישע שטיצע מאדעל דורך וועטעראנען צו וועטעראנען וואס מוטשען זיך מיט PTSD, טראומאטישע מח שאדן (traumatic brain injury, TBI), זעלבסטמארד געדאנקען, און אנדערע גייסטישע געזונטהייט שוועריקייטן.

אין מאי 2022, האט גאווערנער האוקול אויך אויסגעמאלדן דאס איינפירן 'באזארגט איבער א וועטעראן' — א נייע אָנליין זיכערהייט מיטל געאייגנט אויף אפצוהאלטן זעלבסט-מארד צווישן וועטעראנען און סערוויס מיטגלידער. אנטוויקלט דורך דער אפטיילונג פון וועטעראנען סערוויסעס און דער אפיס פון גייסטיגע געזונט אין לויף פון איבער צוויי יאר, העלפט די פאמיליע-פאקוסירטע מיליטערישע פאמיליעס און אויפפאסער דורך צושטעלן פאר א וועטעראן אדער סערוויס מיטגליד א מענטש צו ווענדן צו רעדן במשך א צייט פון גייסטישע געזונט געדראנג.

פאר נאך אינפארמאציע, ביטע קוקט איבער די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט'ס PTSD וועגווייזער און באזוכט די נאציאנעלע צענטער פאר PTSD'ס ריסאורס בלאט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן